# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי
היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

**מרן רביה"ק
מסאטמאר זי"ע**

שנה ו' גליון קס"ט | ראש השנה תשפ"ה לפ"ק

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב


# תכלה שנה וקללותיה

## אידן איבער דער גאָרער וועלט צאַפּלען מיט זאָרג פאַר'ן גורל פון אחינו בני ישראל אין ארה"ק נאָך וואָס ציוני'סטישער מיליטער ברייטערט אויס מלחמה אַריין קיין לבנון

גייענדיג צום דרוק: נאָנט צו 200 מיסילס געשאָסן דורך איראַן – שוידערליכע טעראָר אַטאַקע אין יפו
געקאָסט וויינגסטנס 6 קרבנות ל"ע – כיזבאַללאַ זעצט פאָר צו שיסן ראַקעטן אויף צפון מדינת ישראל

-מירון וועט ווידעראַמאָל זיין אָפּגעשפּארט פאַר קומענדיגן ראש השנה, צום ווייטאָג פון טויזנטער יערליכע מתפללים-

**אידישע תפלות אין ימי הדין אַז אַלע אידן אין ארה"ק זאָלן ניצול ווערן מצפרני הרשעים, בגשמיות וברוחניות**

## דער לעצטער נסיון פון תשפ"ד

- זייט 2 -

## וויפיל איז דער שיעור צו ווערן פאַרבלענדעט?

- זייט 3 -

# הרשעים כים נגרש

**ציוני'סטישער מיליטער גרייט זיך אויסצובררייטערן די רדיפות און אַרעסטן קעגן חרדי'שע 'משתמטים' – פרישע טויזנטער גיוס באַפעלן וועלן ווערן אַרויסגעשיקט, טראָץ הילכיגן דורכפאַל ווען איבער 90% וואַרפט אָפּ ביז-איצטיגע באַפעלן – גרויס זאָרג ביים יהדות החרדית פון ווייטגרייכנדע פשרות-פּלענער דורך חרדי'שע פּאַרטייען אין כנסת המינים**

מצילים און באגאבטע לויערס פון "מרכז עזרה ויעוץ" זענען איבערגעלאַדנט מיט אַרבעט מן הבוקר ועד הערב, ספּעציעל אין ליכט פון פילע אַרעסטירטע וועלכע האָבן געוואָלט אַרויספאָרן לקראת ימי החג



## רבבות אלפי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן שרייען אויס כלל ישראל'ס ווייי געשריי קעגן ציוני'סטישע מדינה און איר שרעקליכער גזירת 'גיוס בני הישיבות'

**צענדליגער טויזנטער בני תורה ביי ריזן מעמד "זעקת הגולה" אין לעיקוואָוד**

רבבות חסידי סאַטמאַר איבער די וועלט זענען מרבה בתפילה קעגן גזירת הגיוס פאַרגאַנגענעם א' סליחות נאָך אמירת הסליחות, עפ"י הוראת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א

**לתפילה ולמלחמה: כלל ישראל פעלזן-פעסט אַנטשלאָסן ווייטער צו באַקעמפן גיוס בני הישיבות אויף אַלע פראָנטן, ולה' הישועה**

רבבות אלפי ישראל בראשות גדולי הרבנים וראשי ישיבות שליט"א
זעקת הגולה
להצלת אחב"י בארה"ק מגזירות הגיוס
א' נצבים - וילך תשפ"ד

# דער לעצטער נסיון פון תשפ"ד

**משה יודא יואל ווייס**

ער רוט נישט קיין רגע.

ס'איז אַזוי בולט ווי ווייט ס'האָט געברענט פאַר'ן ס"מ נאָך 'אַריינצוכאַפּן', ער האָט נישט געקענט צוגיין צו די ימי הרחמים והרצון פון יאָר תשפ"ה, ער האָט נאָך געמוזט אַרויסקוועטשן פון יאָר תשפ"ד א שפע פון מינות וכפירה, דברי שבח וחיזוק לרשעים רח"ל אויף אַזאַ אופן נורא ומבהיל.

א יאָר וואָס האָט בייגעוואוינט אַזויפיל שרעקעדיגע קלעפּ פאַר די ציוני'סטישע עבודה זרה. אָנגעהויבן פון די טעראָר אַטאַקע אום שמחת תורה, ווען די ע"ז הציונית געכאַפּט דעם הילכיגסטן פראַסק זינט איר גרינדונג - פאַר'ן שרעקליכן טייערן פרייז פון אַזויפיל אידישע הרוגים ה"י - נישט בלויז צוליב דעם 'מתבייש', די בושות עצומות פאַר די שטאָלצע פאַרריסענע מדינה, נאָר אויך צוליב'ן 'מבייש', נישט א גרויסע שטאַרקע לאַנד ווי עגיפּטן אָדער איראַן, נאָר אַפּאָר באָרוועסע באַבערדלטע טעראָריסטן פון די פאַנאַטישע כאַמאַס האָט באַוויזן צו וואַרפן איבער'ן דראַנג די לעצטע אויפגעריסטעטע טעכנאָלאָגיע פון די 'ביליאָן דאָלאַר וואַנט' וואָס מדינת ישראל האָט אויפגעבויט.

נאָכגעפאָלגט מיט די עלף מאָנאַטיגע מלחמה, ווען זיי האָבן טאַקע צושמעטערט טויזנטער געביידעס און אומגעברענגט צענדליגער טויזנטער פּאַלעסטינער, אָבער זיי האַלטן נישט נאָנט צו דערגרייכן קיין איינע פון זייערע אָרגינעלע מלחמה צילן. און רוב איזראַעליס אַנערקענען שוין היינט אַז זיי וועלן נישט באַווייזן אויסצוראָטן כאַמאַס, וואָס איז געווען דער אָרגינעלער הויפּט ציל פון די מלחמה.

אינערליך האָט זיך אויך אָנגעזען א שטאַרקע אויפוואַכונג אינערהאַלב דעם חרדי'ישן ציבור אין ארה"ק, ווען אַדאַנק די שרעקליכע גזירת גיוס בני הישיבות האָבן זיך גענומען בלאָזן נייע ווינטן צווישן חרדי'ישן ציבור. א געפיל פון התבדלות, פון וועלן אָפּהאַקן מיט די ציוני'סטישע מדינה און אירע גזירות, ווען אויך פון קרייזן וועלכע זענען גאָר גאָר ווייט פון סאַטמאַר און קנאות האָט מען אָנגעהויבן זמירות וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט געהערט. מכנף הארץ זמירות שמענו.

ס'איז ברור כשמש אַז דער ס"מ האָט עס נישט אויסגעהאַלטן. מ'דאַרף נישט קוקן ווייטער ווי די אויסטערלישע און מאָדנע שטרויכלונגען וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין אונטעררוקן פאַר'ן געפּלאַנטן היסטאָרישן "זעקת הגולה" מעמד, וואָס אַלעס אין א זייט געלייגט, האָט עס געהאַט שאַנסן צו זיין א היסטאָרישער מאָמענט פון קידוש שם שמים און פאַראייניגן דעם גאַנצן יהדות החרדית פון אַלע קאָלירן און שיכטן אין א מערכה קעגן די ציוני'סטישע רשעים.

ווער ווייסט ווי ווייט דאָס וואָלט געפירט, ווען נישט וואָס 'ויבא גם השטן בתוכם', און עס היפּש אָפּגעשוואַכט, ליידער.

עכ"פ, די ציוני'סטישע ע"ז האָט געכאַפּט היסטאָרישע קלעפּ - און ער איז געוואָרן אַנטשלאָסן צוריק צו אַטאַקירן מיט די לעצטע כוחות.

ליידער איז עס אים היפּש געלונגען!

די 'געלונגענע' אַטאַקעס קעגן כיזבאַללאַ, ביז איר פירער נאַסראַללאַ זעלבסט, האָבן אין די לעצטע צוויי וואָכן געברענגט אַזאַ פלייץ פון כבוד וחיזוק לרשעים רח"ל, באופן נורא ואיום, מ'האָט געזען בחוש ווי דאָס איינגעבאַקענע ציונות איז אַרויפגעשפּרונגען צום אויבערפלאַך, די שמחה אַז 'ענדליך' קען מען שוין סימפּאַטיזירן מיט די רשעים - א ווינט וואָס האָט זיך ליידער אַריינגעריסן אויך בתוך מחנינו.

## חזר'ן און חזר'ן און חזר'ן

אין אַזאַ צייט איז קריטיש וויכטיג, פאַר אונז אַליינס, צו חזר'ן די פּשוט'ע יסודות'דיגע הייליגע ווערטער פון אבינו רועינו, דער אביר הרועים מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט אין די הייליגע תורות נאָך דאָס פריערדיגע מאָל וואָס די 'היימישע' גאַס האָט גערודערט מיט די נצחונות און 'ניסים' פון די ציוני'סטישע רשעים (ס"ג נשא תשכ"ז):

**לא יאומן כי יסופר, מ'זאָל קענען זאָגן [דברי אישור ושבח] אויף - לא עלינו ה' ישמרנו - אפיקורסים גמורים, וואָס הן הנה האָבן געברענגט רובא דרובא מישראל צו מינות. זיי האָבן אויסגע'שמד'ט די גאַנצע יוגנט, רובא דרובא. וויפיל משומדים זיי האָבן אַהערגעשטעלט? און וויפיל כופרים זיי האָבן אַהערגעשטעלט?! חיים און מתים!**

**זאָל מען זאָגן אַז הקב"ה וויל חס ושלום אפיקורסים זאלן זיין מנהיגי ישראל? ווי איז פארהאנדן א גרעסער אפיקורסות און מינות אויף דער וועלט?! ס'איז נישט אויסצוהאַלטן אַזוינס צו הערן פון א איד, אוי נא לנו שהגיע כל כך בימינו!**

**... דאָס איז דער כח פונעם ס"מ ווי כ'האָב פריער געזאָגט - ס'איז מיר נאָר א וואונדער אַז ער האָט נישט באַוויזן נאָך גרעסערע ניסים.**

**... זיי אַליין זענען דאָך כופרים אין אַלע ניסים, נאָר די נאָכשלעפּערס, 'די' פאַרפירן אונז ... די שומרי תורה, איז זיך דער ס"מ מתלבש אין זיי. זיי ווייסן אַליין ניטאַמאָל וואָס זיי טוען און וואָס זיי זאָגן, אַז מ'וועט זיי פרעגן וועלן זיי זאָגן "מ'זאָג מיר גאָרנישט", אדרבה, מ'לויב מיר אידן.**

**... ווייסט השי"ת וואָס דאָס קען נאָך ברענגען ווייטער! מ'דאַרף מיר גרויס רחמים! רחמי שמים אויף דאָס ביסל אידן וואָס זענען נאָך דאָ!**

**... אידן וועלן דאך אַמאָל געהאָלפן ווערן. יעדער וועט זיין פאַרשריבן וואָס מ'האָט געזאָגט. דעמאָלטס וועט מען זען ווער ס'איז גערעכט געווען. אוי וויי! למען השם, זאָל מיר זיין פאַרשריבן צווישן די וואָס זיי זאָגן 'דאָס' נישט!**

## שווערער געמאַכט גזירת הגיוס

דער רבי זי"ע דערמאַנט דאָרט צווישן די הייליגע דיבורים אויך דעם פאַקט וויאַזוי די ציוני'סטישע רשעים גייען אויסנוצן דעם שבח וחיזוק פון ערליכע אידן, צו קענען נאָכמער גוזר גזירות זיין אויף אידישע קינדער און קעגן די תוה"ק. - דאַן האָט מען געהאַלטן אינמיטן א ביטערע מלחמה וועגן ניתוחי מתים, און די ציונים האָבןווירקליך גוט אויסגענוצט די סימפּאַטיע ביים ציבור שותומ"צ זיך צו צעפירן די הענט.

היסטאָריע חזר'ט זיך איבער. מ'זעט דאָס איצט באַשיינפערליך. מ'האַלט אינמיטן א ביטערע מלחמה איבער גיוס בני הישיבות, און די אויסטערלישע דברי שבח וחיזוק פון די לעצטע וואָכן וועט אויסגענוצט ווערן דורך די ציוניסטן אין א טאָפּלטן פאַרנעם:

פון איין זייט וועט עס אויטאָמאַטיש אָפּשוואַכן, כאָטש אַביסל, די אָנגייענדע קעגנערשאַפט און מלחמה קעגן גיוס. פון די צווייטע זייט האָט עס אַן אויסטערלישע השפּעה אויף די שוואַכערע בחורים, די וועמען דער טמא'נער מיליטער צילט יעצט דירעקט, און אויף וועמען די קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט פון "גאַנצן" חרדי'ישן ציבור האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיגע השפּעה - ווי ס'האָט זיך דערקענט פונעם צה"ל'ס הילכיגער דורכפאַל דעם לעצטן חודש.

אַצינד וועט בלי ספק זיין אַזעלכע וואַקלדיגע נשמות וועלכע וועלן ווערן געפאַנגען אינעם צה"ל'ס נעץ אַדאַנק די מאַסיווע מח-שווענקונג און פריידיגע סימפּאַטיע צו די צה"ל אַקציעס אין לבנון.

און שוין אָפּגעזען דערפון אַז אַדאַנק ביבי'ס פרישע שטאַרקייט, וואָס האָט שוין אַריינגעברענגט גדעון סאאר אין די קאָאַליציע, וועט דאָס בלי ספק זיין א שטאַרקער שטופּ פאַר די חרדי'ישע פּאַרטייען צו קענען דורכפירן זייער שענדליכן 'חק הגיוס' מיט ביטערע פשרות - וואָס וועט אויטאָמאַטיש אָפּשטעלן די ברייטע קעגנערשאַפט צו גיוס, און ערמעגליכן דעם צה"ל אַריינצובייסן אין די 'נחשלים אחריך', היל"ת.

מיר דאַרפן אין אַזוינע אומשטענדן זיך מחזק זיין, מקיים זיין די ערשטע האַלב פון די פסוקים וואָס דער רבי זי"ע דערמאַנט אין על הגאולה, "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע", און בזכות זה זאָלן מיר שוין זוכה זיין צו א פולקאָמע "שנת גאולה וישועה". בב"א.

# וויפיל איז דער שיעור צו ווערן פאַרבלענדעט?

**משה יודא יואל ווייס**

דריי וואָכן צוריק - צו זיין פונקטליך, מיטוואָך כי תצא, סעפטעמבער עלעווען למספרם - האב איך געהאַט א קאָרעספּאָדענץ מיט עטליכע חברים איבער די אָנגעצויגנקייט ביים צפון גרעניץ מיט מדינת ישראל, ווען איינער פון זיי פרעגט מיך, "ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס ס'איז אָנגעצויגן דאָרט, פאַרוואָס יעצט ביזטו מער איבערצייגט אַז ס'קומט א מלחמה אין לבנון?".

מיין ענטפער, וואָרט פאַר וואָרט: "עיקר סיבה? לאַך נישט. די וואָך איז אַרויסגעקומען אַנקעטעס אַז דער אַנטי-ביבי לאַגער קען אָנציען 61 [חברי כנסת] אָן [די אַראַבישע] רע"מ. בפרט אויב בענעט צעפירט זיך די הענט, וואָס ער פלאַנט צו טון. ביבי דאַרף קריטיש וויכטיג א פרישע מלחמה, עזה איז שוין בעסיקלי 'אויסגעברענט'. ער איז נישט אינגאַנצן בעה"ב, אָבער זיינע פּאָליטישע חשבונות שפילן אַלעמאָל א הויפּט ראָלע".

ווייניגער ווי א וואָך שפּעטער האָט מדינת ישראל דערקלערט אַז זי לייגט צו א נייעם 'ציל' צו די עלף-מאָנאַטיגע מלחמה: אומקערן אַהיים די איינוואוינער פון צפון מדינת ישראל, וואָס האָט געמיינט אין אַנדערע ווערטער, די עפענונג פון א פרישן פראָנט אין צפון קעגן כיזבאַללאַ. אין זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען די 'ביפּער אַטאַקע' ווען טויזנטער כיזבאַללאַ ביפּערס האָבן אויפגעריסן.

זינט דאַן דרייען זיך ביבי און זיינע שטיצער אַרום מיט'ן קאָפּ אַרויף. מדינת ישראל פירט דורך איין געוואַגטע שטיקל נאָכ'ן אַנדערן, און קיינער רעדט שוין יעצט נישט וועגן קיין פרישע בחירות. עפּעס א פאַררוקטער זעלבסט-דערקלערטער 'סעלעבריטי ראַביי' דערקלערט ביי א פרייטאָג-צו-נאַכטס פאַרברענג פונעם ראש הכופרים ימ"ש מיט זיינס א ביליאָנערסקער פריינט, האַרט נאָך די אַטאַקע אויף נאַסראַללאַ - מיט גרויס חילול שבת, כמובן - אַז 'ביבי איז דער גרעסטער פירער וואָס איזראַעל האָט פּראָדוצירט', און גדעון סאַאר קומט צו לויפן אויף אַלע פיר אַריינקריכן אין די קאָאַליציע, ווען קוים עטליכע טעג צוריק איז ער געשטאַנען ווייט כמטחוי קשת.

בקיצור. ביבי האָט אויסגעפירט. קיין בחירות וועט שוין נישט זיין.

## לאָמיר זיין 'רעאַליסטיש'

'מען דאַרף זיין רעאַליסטיש'.

דאָס איז א באַליבטער שלאָג-וואָרט, וואָס מ'הערט לעצטנס ווידער זייער אָפט פון די אַלע מיט אָפענע און באַהאַלטענע סימפּאַטיע צו די ציוני'סטישע מדינה, און איר ראש הכופרים ביבי ימ"ש. יאָ, ריכטיג, מ'רעדט טאַקע פון א באַנדע כופרים גמורים, וואָס זענען עוקר שם שמים באופן נורא און וואָלטן אויך דערשטאָכן ר"ל יעדן חרדי'ישן איד אום יום כיפּור שחל בשבת, אָבער 'פאַקטיש', ס'גייט זיי גוט. זיי באַווייזן 'מעכטיגע נצחונות'. 'די חברה טויגן'. 'אידישע קעפּ'.

און, ווי אַלעמאָל, די אַלע דברי שבח והילול לרשעים פירט אויטאָמאַטיש צו ענטוזיאַסטישע שטיצע און בלינדע עהרע צו די 'מעכטיגע ציוני'סטן', צו די 'אידישע' מדינה, און צו אַלעס וואָס זי פאַרטרעט.

פאַרשטייט זיך, די קאַצן-קעפּ האָבן שוין פאַרגעסן ווי קוים א יאָר צוריק האָט מדינת ישראל געליטן אַזאַ הילכיגע נידערלאַגע און דורכפאַל וואָס ס'איז אַן ערנסטע פראַגע ווען ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל אין היסטאָריע וואָס אַזאַ 'מעכטיג' לאַנד האָט געכאַפּט אַזאַ מעכטיגן פראַסק דורך אַזעלכע צוריקגעשטאַנענע און נעבעכדיגע גרופּע ווי די כאַמאַס טעראָר אָרגאַניזאַציע. א פראַסק וואָס האָט ליידער אָפּגעקאָסט העכער 1,000 אידישע נפשות ה"י.

אָבער דאָס אין א זייט געלייגט. לאָמיר רעדן אין 'רעאַליסטיש שפּראַך'.

ווען מדינת ישראל האָט אָפיציעל אויסגעברייטערט די מלחמה צו צפון זייט, איז דער אָנגעגעבענער ציל נישט געווען צו טיילן פראַסקעס פאַר כיזבאַללאַ; ס'איז נישט געווען אומצוברענגען נאַסראַללאַ; נישט אַז ביבי זאָל ווערן א 'העלד' און קענען סטאַביליזירן זיין קאָאַליציע; ס'איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן איין ציל: די פארוואגלטע צפון איינוואוינער זאָלן קענען צוריקגיין אַהיים.

צי האַלט מען יעצט איין טריט נאָענטער צו דעם ציל? אָדער טויזנטער שריט ווייטער אַוועק דערפון?

מ'האָט גוט צוגעפיקסט כיזבאַללאַ, מ'קלאַפּט זיך אין רוקן, און? וואו זענען די צענדליגער טויזנטער איינוואוינער אויף ראש השנה? וואו וועלן זיי אָפּצייכענען שמחת תורה דעם יאָר פון ווען זייערע לעבנס זענען אַריינגעפאַלן אין כאַאָס מיט'ן אויסברוך פון די מלחמה?

איז דאָ איין רעכטדענקנדער מענטש וואָס האַלט אַז ווען די איצטיגע פאַזע פון די מלחמה וועט זיין פאַרטיג, וועט מער נישט זיין קיין כיזבאַללאַ? מ'וועט מער נישט דאַרפן מורא האָבן פון איר ריזיגן ראַקעטן-אַרסענאַל - טראָץ וואָס ס'איז שוין געוואָרן באַדייטנד קלענער - אין א יאָר אַרום?!

## איז שוין אָנגעקומען בעגין'ס 'ארבעים שנה'?

צי דאַרף מען דען מער ווי אויפפרישן דעם זכרון איבער מדינת ישראל'ס היסטאָריע מיט לבנון, נאָך בעפאָר כיזבאַללאַ האָט עקזיסטירט?!

די עלטערע ליינער וועלן זיכער געדענקען די באָמבאַסטישע רעדע פון מנחם בעגין שר"י, דאַן ראש הכופרים, ווען מדינת ישראל איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן דורך אירע היציגע רעכטע עלעמענטן צו אַן אומנויטיגע מלחמה מיט לבנון, און בעגין האָט דאַן דערקלערט אַז אַדאַנק די מלחמה וועט זיין 'ותשקוט הארץ ארבעים שנה'.

מ'שטייט יעצט עטוואָס מער ווי פערציג יאָר זינט דאַן, און מ'האַלט שוין ביי די דריטע לבנון מלחמה. דאָסמאָל מיט א טעראָר אָרגאַניזאַציע וואָס קען זיך פאַרמעסטן אין מיליטערישע פּראָפּאָרצן מיט אַנדערע געהעריג-אַנטוויקלטע לענדער, און א ריזן וואָפן-אַרסענאַל וואָס מדינת ישראל זאָגט יעצט אַליין אַז זי וועט נישט קענען גענצליך אויסראָטן.

אין 92', מיט פּונקטליך דרייסיג יאָר צוריק, האָט מדינת ישראל דורכגעפירט אַן אַטענטאַט אויפ'ן דאַן-כיזבאַללאַ פירער עבאַס מוסאַווי, אויך דאַן איז געווען ווער ס'האָט זיך איינגערעדט אַז 'כיזבאַללאַ איז קאַפּוט'. אויף זיין פּלאַץ איז אַרויפגעקומען זיין כאַריזמאַטישער נאָכפאָלגער, נאַסראַללאַ. און ס'איבריגע איז היסטאָריע.

אומצאָליגע אידישע קרבנות זענען שוין אומגעקומען אַדאַנק יענעם אומגליקליכן באַשלוס אַריינצוגיין אין לבנון, און ווער ווייסט וויפיל די יעצטיגע אַקציעס וועלן נאָך אָפּקאָסטן, דירעקט און אומדירעקט.

## וויפיל מאָל דאַרף מען איבערשפּילן דעם 'ראַונד-ע-באַוט געים'?!

ס'איז באמת מאָדנע וויאַזוי היינט צו טאָגס, שטייענדיג מער ווי 75 יאָר אַריין אין ציוני'סטישע אומאויפהערליכע מלחמות מיט די אַראַבער, זענען נאָך אַלץ דאָ מענטשן וואָס ווערן פאַרבליפט און אַנטציקט פון ציוני'סטישע 'נצחונות'. און יעדעס מאָל ווען די איזראַעליס 'באַווייזן א גוטס' הייבט מען זיך פריש אָן איינצורעדן אַז יעצט האָט מען עס געמאַכט 'איינמאָל פאַר אַלעמאָל'.

מילא ביי די זעקס טאָגיגע מלחמה, האָט מען נאָך געקענט באמת פאַרנאַרט ווערן פון די מכלומר'שטע 'ניסים' און מעכטיגע נצחונות וואָס מדינת ישראל האָט דאַן אָפּגעהאַלטן, אָבער היינט, נאָך אַזויפיל ביטערע קלעפּ וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט יעדן איינציגן 'נצחון' זייערן, קען מען נאָך אַלס דינען די זעלבע איינרעדעניש פון די ציוני'סטישע עבודה זרה?!

ווי קען א נאָרמאַלער מענטש נישט זען אַזוי קלאָר און דייטליך אַז "העברת פי ה' היא לא תצלח", אַז "אין שלום אמר ה' לרשעים", אַז ס'וועט קיינמאָל נישט זיין קיין רואיגקייט אין די 'אידישע' מדינה ביז זי וועט בטל ווערן און משיח צדקינו וועט אונז אויסלייזן פון גלות?!

מיר קענען נאָר אויספירן מיט די ווערטער פון רבינו שפטיה בן אמיתי, וואָס מ'האָט געזאָגט היינטיגן דינסטאָג: פְּחוּדִים הֵם מִכָּל צָרוֹת מִמְּחָרְפֵיהֶם וּמִלּוֹחֲצֵיהֶם. נָא אַל תַּעַזְבֵם ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיהֶם. יִוָּשְׁעוּ לְעֵין כֹּל וְאַל יִמְשְׁלוּ בָם רְשָׁעִים. כַּלֵּה שֵׂעִיר וְחוֹתְנוֹ וְיַעֲלוּ לְצִיּוֹן מוֹשִׁיעִים.

## • מזלא טבא וגדיא יאה •

ברגשי גיל וחדוה ברכותינו צרופה אל מול ידידינו הנכבדים, לבם ער וחם למען כל קדשי ישראל, ובמיוחד להצלת רבבות בני ארה"ק מצפרני הרשע, שבחם מי ימלל, אין גומרין עליהן את ההלל, ה"ה

הרה"ח ר' **אברהם בראך** הי"ו
פטרון החודש בתוככי מרכז עזרה ויעוץ
לרגל **נישואי בנו** למז"ט

הרה"ח ר' **יעקב אליעזר ווערצבערגער** הי"ו
פטרון מרכז עזרה ויעוץ - סניף אשדוד
לרגל **אירוסי בתו** למז"ט

הרה"ח ר' **אברהם יהושע** הכהן **גלאנץ** הי"ו
פרנס 'עו"ד לחודש' בתוככי "מרכז עזרה ויעוץ"
לרגל **נישואי בתו** למז"ט

יהא רעוא מן קדם אבוהון די בשמיא, שיזכו לראות רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ותשרה שכינה בכל מעשי ידיהם, ברב טוב אושר ועושר, נחת ושמחה עד בלי די

המברכים

| | | |
|---|---|---|
| **יצחק שיפף**<br>בשם הנהלת מרכז עזרה ויעוץ<br>- ארה"ב | **שמעון שישא**<br>בשם הנהלת מרכז עזרה ויעוץ<br>- ארה"ק | **וועלוול קוביטשעק**<br>שלוחא דרבנן<br>למען מרכז עזרה ויעוץ |

## -סימן טוב ומזל טוב-

אל מול פני הני גברא יקירא, עוסקים בלי ליאות למען כל קדשי ישראל
ובפרט להצלת רבבות בני ארה"ק מצפרני הרשע,

הר"ר **שמעון דימאנד** הי"ו
מזכיר 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל **הולדת בנו** למזל טוב

הג"ר **שמואל שלמה טעללער** שליט"א
ממנהלי בית רחל דקרית יואל, דולה ומשקה ממשנתו של רבינו בהשקפה בהירה, ועומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל **אירוסי בתו** למזל טוב

ולהני עסקנים החשובים

הר"ר **אברהם יושע טעללער** הי"ו
מזכיר מרכז עזרה ויעוץ – ארה"ב
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות

הר"ר **בנציון יצחק גאלדמאן** הי"ו
מגדולי העסקנים למען כל קדשי ישראל
ובמיוחד למען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל **הולדת בתו** למזל טוב

הר"ר **שמעון וויינבערגער** הי"ו
מגדולי העסקנים למען כל קדשי ישראל
ובמיוחד למען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל **הולדת בנו** למזל טוב

הר"ר **יעקב נפתלי קאסירער** הי"ו
עסקן למען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל **תגלחת בנו**
למזל טוב

יה"ר שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, ולהמשיך בפעולותיהם הברוכות ברוב סייעתא דשמיא

**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה
ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון
קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א
רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן
אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com